


# באָרא פּאַרק ברוקלין

## קאמערציעלע דיסטריקט באדערפענישן אפשאצונג




Boro Park Jewish Community Council

אין צוזאמענהאנג מיט

NYC Small Business Services

careers
businesses
**neighborhoods**

# וועגן בארא פארק

## הונטערגרונד

געפונענדיג זיך אין דרום-מערב ברוקלין, טוט בארא פארק דינען אלס א היים פאר א פארשידענארטיגע לאקאלע עקאנאמיע, א שטארקע קולטורישע אידענטיטעט, און א רעליגיעזע טראדיציע וואס טוט ווייטער פארמירן די אנטוויקלונג פונעם געגנט. בארא פארק (געשריבן סיי Borough Park און סיי Boro Park), גרעניצט זיך מיט סאנסעט פארק, דייקער הייטס, בענזאנהערסט, און קענזינגטאן. שטארק אוועקגעשטעלט מיט א ווירבלנדע קאמערציאלע קארידאר אויף 13'טע עוועניו, טוט די געגנט דינען אלס א בליענדע צענטער פאר איינוואוינער און באזוכער פון ארטאדאקסישע אידישע קאמיוניטיס פון דורכאויס דעם ראיאן און די גאנצע וועלט.

אריגינעל די היים פון די לענאפי נעישען, איז די געגנט וואס איז יעצט באקאנט אלס בארא פארק קאלאניזירט געווארן דורך האלאנדישע סעטלערס אין 1652 און האט בעיקר פארמאגט פעלדער ביז טיף אריין אין די 19'טע יאר הונדערט. רעזידענטשעל דעוועלאפמענט האט זיך אנגעפאנגען אין 1887 מיט די אויפבוי פון בלייטערבורן (Blythebourne), א שטילע קאטעדש קאמיוניטי וואס איז געווען פארבינדן מיט דאונטאון ברוקלין דורך די ברוקלין, בעט (Bath), און וועסט ענד (West End) רעיל-ראוד. נאך וואס ברוקלין איז געווארן א טייל פון ניו יארק סיטי אין 1898, איז בלייטערבורן און אירע ארומנעמנדע שטחים געווארן אפגעקויפט און צוטיילט פאר האוזינג, אפיציעל אננעמנדיג די נאמען בארא פארק אין 1902. אין 1907, זענען מער ווי 60% פון אירע איינוואוינער געווען אזעלכע וואס זענען געבוירן אין אנדערע לענדער אדער ערשטע-דור אמעריקאנער, פיל דערפון זייענדיג דייטש, איטאליעניש, אידיש, פויליש אדער רוסיש. די געגנט האט געזעהן ווייטערדיגע וואוקס נאך די ערשטע וועלט מלחמה אין די צייט וואס נייע אפארטמענט געביידעס האבן געצויגן אידישע פאמיליעס פון די לאווער איסט סייד און וויליאמסבורג, פירנדיג צו די אוועקשטעלונג פון פילע שולן, ישיבות, און אידישע מארקן. דאס האט אנגעהאלטן ביז אריין אין די 1950'ער מיט די אנקום פון חסידישע אידישע פאמיליעס, וואס האט געוונצליך טראנספארמירט בארא פארק אלס גאר א גרויסע קולטורישע און רעליגיעזע צענטער פון אידישע לעבן.

מיט צוויי סובוועי ליניעס און דריי באס רוטס, קענען איינוואוינער און באזוכער גרינג צוקומען צו בארא פארק. די געגנט'ס הויפט קאמערציאלע קארידארן פון New Utrecht, 13, 14, 15, 16 און 18 עוועניוס שטעלן צו א פארשידענארטיגע אויסוואהל פון ריטעיל געשעפטן, היים געצייג געשעפטן, און ספעציאליזירטע עסנווארג געשעפטן. New Utrecht Avenue איז באקאנט פאר'ן פארמאגן פילע הארד-ווער, מעבל, און היים געצייג געשעפטן, רעפלעקטירנדיג די גאר שנעלע וואוקס פונעם געגנט'ס באפעלקערונג און די גרויסע צאל רעזידענטשעל אויסברייטערונגען. אין קעגנזאץ, טוט 39'טע סטריט בעיקר פארמאגן ווערהאויזעס וואס שטעלן צו האולסעיל, קאנסטרוקציע, מאניופעקטשערינג, און וויהיקעל סערוויסעס. Maimonides Medical Center, וואס געפונט זיך ביים גרעניץ פון בארא פארק און סאנסעט פארק, ברענגט א כסדר'דיגע פלוס פון איינגעשטעלטע וועלכע פארמירן א באדייטנדע לאנטש-טיים קאסטומער באזע פאר דערנעבנדיגע ביזנעסער. פיל פון בארא פארק'ס קליינע ביזנעסער ווערן שוין אנגעפירט דורך פאמיליעס פאר אפאר דורות, רעפלעקטירנדיג די נאנט-פארבינדעטע קאמיוניטי קולטור פונעם געגנט.

## געגנט באפעלקערונג

זעהט מער אויף בלאט 12

בארא פארק איז א היים פאר 97,340 איינוואוינער, פון וואס רוב געהערן צו ארטאדאקסישע און חרדישע אידישע קאמיוניטיס. די געגנט איז בעיקר ווייס (80%), מיט קלענערע באפעלקערונגען פון היספאנישע (8%) און אזיאטישע (6%) איינוואוינער. פארמאגנדיג איינער פון די יונגסטע באפעלקערונגען אין ניו יארק סיטי, זענען 50% פון בארא פארקער איינוואוינער אין די יארגאנג פון 19 אדער יונגער, מער ווי דאפלט די סיטי דורכשניט פון 23%. אידיש איז די הויפט שפראך פאר די 80% איינוואוינער וועלכע רעדן א צווייטע שפראך אויסער ענגליש אינדערהיים. די טאג-טעגליכע לעבן איז אויך גאר אנדערש פון די אלגעמיינע לעבנס שטייגער אינעם סיטי: 34% פון איינוואוינער גייען צו די ארבעט צופיס, אין פארגלייך צו בלויז 9% איבער'ן סיטי, און בלויז 59% פראצענט פון הויזגעזונדן האבן בראודבענד אינטערנעט פארבינדונג, אסאך נידריגער ווי די סיטי דורכשניט פון 89%. עדיוקעישענעל דערגרייכונג איז אויך נידריג, מיט 23% פון איינוואוינער וואס פארמאגן א בעטשעלערס דעגרי אדער העכער, אין פארגלייך צו 41% דורכאויס ניו יארק סיטי. די דורכשניטליכע הויזגעזונג איינקונפט איז 55,390 דאלאר, מיט 32% פון פאמיליעס וואס פאלן אונטער די ארעמקייט שטאפל.

## צוקונפטיגע געלעגנהייטן

זעהט מער אויף בלאט 5

בארא פארק'ס שטארקע באפעלקערונג וואוקס האט צוגעגעבן צו געהעכערטע פארלאנג פאר נייע האוזינג און סערוויסעס, שטארק ארויסגעברענגט דורך די לעצטיגע באשטעטיגונג פון די Brooklyn Yards פראיעקט, א 14-שטאקיגע געביידע, 270-יוניטי דעוועלאפמענט וואס וועט געבויעט ווערן העכער אן אקטיווע רעיל ליניע. בויענדיג אויף דעם וואוקס, וועט די נייע בארא פארק ביזנעס פאראיין (Boro Park Business Alliance) ארגאניזירן פארקויפער צו צוזאמען שטיצן לאקאלע האנדל. דורך אויסנוצן אזעלכע געלעגנהייטן ווי טוריזם און די געגנט'ס שטארקע קאמיוניטי קשרים, טוט בארא פארק'ס קאמערציאלע דיסטריקט צושטעלן א גאר גוטע סביבה פאר נייע עקאנאמישע אינוועסטירונג און וואוקס.

Avenue NYC איז א פארמעסטנדע גרענט פראגראם געשאפן דורך די **ניו יארק סיטי אפטיילונג פון קליינע ביזנעס סערוויסעס (NYC Department of Small Business Services)** צו פינאנצירן און בויען די קאפאציטעט פון קאמיוניטי-באזירטע אנטוויקלונג ארגעניזאציעס צו דורכפירן קאמערציאלע אויפלעבונג איניציאטיוון. Avenue NYC ווערט פינאנצירט דורך די אמעריקאנער אפטיילונג פון האוזינג און שטאטישע אנטוויקלונג'ס (U.S. Department of Housing and Urban Development) קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאק גרענט (Community Development Block Grant, CDBG) פראגראם, וואס צילט אינוועסטירונגען אין נידריג- און מיטלע-איינקונפט געגנטער.

Avenue NYC קאמערציאלע אויפלעבונג (Commercial Revitalization) גרענטס טוען צוזאגן געלט איבער אפאר יאר, געצילט צו בויען די קאפאציטעט פון מיטארבעטנדע ארגעניזאציעס צו קענען בעסער פארשטיין די געגנט'ס געברויכן, אנטוויקלען פראגראמען וואס האבן אן השפעה, און אנהאלטן זייער ארבעט אין די קאמיוניטי פאר וויינינגסטנס דריי יאר.

די **קאמערציעלע דיסטריקט באדערפענישן אפשאצונג (Commercial District Needs Assessment, CDNA)** טוט ארויסברענגען די עקזיסטירנדע ביזנעס אומשטענדן פון א געגנט און די אייגנשאפטן פון קאנסומער.

די CDNA נעמט אריין די קאמערציאלע קארידארן פון **39'טע סטריט**, **13'טע**, **14'טע 15'טע**, **16'טע**, **18'טע**, און **New Utrecht עוועניוס** אין **בארא פארק**, און איז דורכגעפירט געווארן אין צוזאמענהאנג מיט די **Boro Park Jewish Community Council** צווישן סעפטעמבער 2024 און יוני 2025.

הויפט פראבלעמען און געלעגנהייטן וואס זענען אידענטיפיצירט געווארן דורך די שאצונג וועלן העלפן פריאריטיזירן SBS-געשטיצטע לאקאלע אינוועסטירונגען, און וועלן דינען אלס אן אינפארמאטיווע און מארקעטינג ריסאורס פאר'ן געגנט.

### אין די באריכט

מען האט צאמגעקליבן אינפארמאציע איבער עקזיסטירנדע אומשטענדן, ביזנעס דאטא, און לפי ערך'דיגע שילדערונגען פון די געגנט פון מער ווי **328 אויספרעגן** און פארשידענע סטעיק-האלטער זיצונגען מיט געגנט פארקויפער, איינקויפער, ארבעטער, פראפערטי אייגנטומער, און איינוואוינער.

*היפט אריבער צו...*


| | |
|---|---|
| הויפט געפונסן | 4-5 |
| ביזנעס אינווענטארי | 6 |
| וואס פארקויפער זאגן | 7-8 |
| בליק פונעם ביזנעס | 9-10 |
| וואס איינקויפער זאגן | 10 ,8 |
| פיזישע ענווייראנמענט | 11 |
| דאטא ביילאגע | 12-15 |

# געגנט אינפארמאציע

## בארא פארק




### ▸ באקאנטע פלעצער


Maimonides Medical Center


Young Israel Beth El of Boro Park


Living Torah Museum


Congregation Shomer Shabbos Anshei Sfard


Blythebourne פאסט אפיס

### ▲ אינטערעסאנטע פונקטן

- געשעפטן קאמערציעלע קארידאר
- פארקס און פובליק ערטער
- באקאנטע פלעצער
- פובליק פאסיליטיטען

### געגנט פראזשאלונגען

- ביקור חולים פון בארא פארק געזונטהייט און וואוילזיין פראזשאלונגען
- בארא פארק חברים קאמיוניטי הילף פראזשאלונגען
- בארא פארק שומרים קאמיוניטי זיכערהייט פעטראל טרענירונג און רעקרוטמענט דרייווע
- Boro Park Jewish Community Council חול המועד עקסטרעוועגענזע (Chol Hamoed Extravaganza)
- The Great Lag B'Omer Parade
- Maimonides Medical Center בארא פארק העלט פעיר (Health Fair)
- תומכי שבת עסנווארג פארטיילונגען

### פארקויפער און קאמיוניטי גרופעס

- ביקור חולים פון בארא פארק
- Boro Park Business Alliance
- Boro Park Jewish Community Council
- בארא פארק שומרים
- ברוקלין חברים
- Eruv Society of Boro Park
- הצלה פון בארא פארק
- משביע פון בארא פארק
- תומכי שבת פון בארא פארק

# הויפט געפונסן און געלעגנהייטן

## שטארקייטן

- קאמערציאלע און רעזידענטשעל געגנטער זענען נאנט פארבינדן, פירנדיג צו הויכע שטאפלען פון פיס-גייער טראפיק אין קאמערציאלע קארידארן
- 3 באס ליניעס און 2 סובוועי ליניעס שטעלן צו צוטריטליכע טראנספארטאציע אריין און ארויס פונעם געגנט
- פילע געשעפטן געהערן שוין צו די זעלבע פאמיליע פאר אפאר דורות און זענען שוין אין ביזנעס פאר צענדליגע יארן, צוגעבנדיג צו א שטארקע געפיל פון קאמיוניטי צווישן פארקויפער און איינקויפער
- די געגנט דינט אלס א צענטער פאר אידישע לעבן און האנדל, ציענדיג א געטרייע קאנסומערן באזע פון איבער די גאנצע ראיאן
- פילע גרויסע שולעס און אינסטיטוציעס ווי די Maimonides Medical Center טוען אריינברענגען ארבעטער פון אנדערע געגנטער וועלכע דינען אלס נאך א קאסטומערן באזע פאר לאקאלע ביזנעסער
- די געגנט געניסט פון א שטארקע געפיל פון זיכערהייט אין אלע שעות פון טאג וואס איז טיילווייז צוליב די אנהאלטונג פון פיס-גייער אקטיוויטעט אין די ביינאכט

## שוועריקייטן

- אינפלאציע און וואקסנדע רענט און יוטיליטי קאסטן טוען צולייגן דרוק אויף נייע און לאנג-יעריגע ביזנעסער
- עס הערשט א מאנגל אין אינערליכע פובליק טראנספארטאציע צו פארבינדן פארשידענע חלקים פונעם געגנט, וויבאלד די באס און סובוועי ליניעס טוען בעיקר סערווירן די גרעניצן פון די געגנט
- פילע ליידיגע געשעפטן, ליידיגע קיכן, און פארנאכלעסיגטע געשעפטן אויף 39'טע סטריט און New Utrecht Avenue טוען צוגעבן צו א געפיל פון שוואכע אינוועסטירונג און פארלאזטקייט אין די נאכט שעות
- גאר אסאך טראפיק און א מאנגל אין פארקינג ברענגט אז עס זאל נעמען אסאך צייט פאר דרייווער צו פארן אריין און ארויס פונעם געגנט
- מיסט און שמוץ וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן אומלעגאל נעבן א פארנאכלעסיגטע אויסקוק פאר'ן געגנט, אפילו אויף געסער וואו רוב געשעפטן זענען פארנומען און עס איז דא אסאך פיס-גייער טראפיק
- וויניגע גרינע ערטער און פארוויילונג פאסיליטעטן פאר קינדער און פאמיליעס
- א מאנגל אין פובליק רעסטרומס און גאס מעבל, צאמגעשטעלט מיט סיידוואקס וואס זענען אנגעלייגט מיט סחורה פון געשעפטן, טוט באגרעניצן צוטריטליכקייט און שאפט א שוועריקייט פאר קאנסומערן וואס קומען פון אנדערע געגנטער



Borough Park Library


Gravesend Park



55th Street Station



13th Avenue



Rappaport Playground




New Utrecht Avenue




15th Avenue




קהל מנחת אלעזר ד'מונקאטש

# געלעגנהייטן

- ◄ פארברייטערן די בארא פארק ביזנעס פאראיין צו צוזאמען שתדלן פאר די געגנט'ס ביזנעסלייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן
- ◄ אינוועסטירן אין סאניטאציע סערוויסעס צו האלטן די גאסן און סיידוואקן ריין פון מיסט און גראפיטי
- ◄ פארבעסערן לעקטער דורכאויס טונקעלע קאמערציאלע קארידארן צו פארמערן זיכערהייט און פיס-גייער אקטיוויטעט ביינאכט
- ◄ דורכפירן דיסטריקט מארקעטינג קאמפיינען נוצנדיג לאקאלע קאמיוניקאציע מהלכים צו מוטיגן לאקאלע איינקויפונג און שטיצן די פארשידנארטיגע ביזנעס סערוויסעס
- ◄ ארבעטן צוזאמען מיט סיטי אגענטורן, איינוואוינער, און ביזנעס לייט צו פארבעסערן די אומשטענדן אויפ'ן גאס אונטער וואו די באן פארט אויף New Utrecht Avenue
- ◄ שאפן א סטאר-פראנט פארבעסערונג פראגראם צו פארבעסערן די אויסזעהן פון געשעפטן וועלכע ווערן גענוצט אלס אינדוסטריאלע אדער האוילסעיל קיכן
- ◄ צושטעלן טעכנישע הילף צו העלפן ביזנעסער צו קענען ווייטער וואקסן אין זייער לאקאציע
- ◄ שאפן נייע וועגן צו געווינען רעגירונג קאנטראקטן דורך העלפן לאקאלע בינעסער צו ווערן באשטעטיגט אלס ביזנעס ענטערפרייזעס אונטער די אייגנטום פון מינאריטעטן און/אדער פרויען (Minority and/or Women-owned Business Enterprises, M/WBE)
- ◄ ארבעטן צוזאמען מיט סיטי אגענטורן צו נאכקוקן געפלאנטע קאנסטרוקציע פראיעקטן און צושטעלן פראעקטיוו שטיצע פאר אפעקטירטע ביזנעסער

## וואו קומט יעצט?

כדי צו אדרעסירן די הויפט געפונסן און געלעגנהייטן, זענען Avenue NYC גרענטס געשאנקען געווארן דורך SBS פאר נאן-פראפיט ארגעניזאציעס.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט: nyc.gov/avenuenyc

# ביזנעס אויסשטעל: בארא פארק

## ביזנעס אינווענטארי

**899**

סך הכל צאל געשעפטן

**11.3%**

צאל ליידיגע געשעפטן*

*נעמט אכט: לויט די ציפערן פון יוני 2025, טוען ניו יארק סיטי'ס קאמערציאלע קארידארן האבן א דורכשניט פון 12.1% פון געשעפטן וואס שטייען ליידיג און א מידיען פון 10.9% געשעפטן וואס שטייען ליידיג (LiveXYZ).

## געשעפטן און ריטעיל צאמשטעל




ביזנעס אינווענטארי און ריטעיל צאמשטעל דאטא איז געווארן צאמגענומען דורך Boro Park Jewish Community Council דורך א ברייטע געגנט אינווענטארי פון סטאר-פראנט ביזנעסער וואס געפונען זיך לענגאויס 39'טע סטריט, 14'טע, 15'טע, 16'טע, און 18'טע עוועניוס און New Utrecht פון אקטאבער ביז דעצעמבער 2024.









# וואס מיר האבן געהערט פון בארא פארק פארקויפער

## פאר וויפיל יארן זענט איר שוין דא אין ביזנעס?




| מאוד | מידיען | מין |
|---|---|---|
| 30 | 20 | 22 |

באמערקונג: די מין (Mean) איז די דורכשניט פון אלע ענטפערס, די מידיען (Median) איז די מיטעלע נומער ווען מען שטעלט אויס אלע ענטפערס אין א סדר פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, און די מאוד (Mode) איז די ענטפער וואס מען האט באקומען די מערסטע.

## וויפיל פול-טיים איינגעשטעלטע האט איר?




| מאוד (Mode) | מידיען (Median) | מין (Mean) |
|---|---|---|
| 3 | 4 | 6 |

## זענט איר די אייגנטומער אדער צאלט איר רענט פאר אייער פראפערטי?

| רענט | אייגענע | קיין שום ענטפער |
|---|---|---|
| 76% | 13% | 11% |

## זענט איר אינטערעסירט זיך אנצושליסן אין א פארקויפער פאראיין?

| יא | ניין | קיין שום ענטפער |
|---|---|---|
| 51% | 30% | 19% |

## טוט אייער ביזנעס יעצט פארמאגן א וועבזייטל?

| יא | ניין |
|---|---|
| 49% | 50% |

## וועלכע סארט ריסאורסעס וואלטן אייך געהאלפן פארגרעסערן אייער ביזנעס?

% ענטפערס פון פארקויפער

| | |
|---|---|
| ◄ מארקעטינג שטיצע | 51% |
| ◄ צוטריט צו פינאנציראונג | 39% |
| ◄ נייע געצייג | 26% |
| ◄ פלאץ פארבעסערונגען | 21% |
| ◄ טרענירונג פאר שטאב | 17% |
| ◄ הילף מיט'ן איינהאלטן רעגולאציעס | 7% |
| ◄ ליעט שטיצע | 5% |
| ◄ לעגאלע סערוויסעס | 5% |
| ◄ עפעס אנדערש | 7% |

## איבער די לעצטע יאר, האט אייער ביזנעס זיך פארבעסערט, געבליבן די זעלבע, אדער זיך פארערגערט?

| פארבעסערט | געבליבן די זעלבע | פארערגערט | נישט נוגע אדער קיין שום ענטפער |
|---|---|---|---|
| 21% | 32% | 35% | 12% |

מקור: באזירט אויף 98 פארקויפער אויספרעגן דורכגעפירט דורך Boro Park Jewish Community Council אין די הערבסט פון 2024 און אין די ווינטער פון 2025.

# וואס מיר האבן געהערט פון בארא פארק פארקויפער און איינקויפער

## וואס האט איר ליב פון די קאמערציאלע דיסטריקט?

"מיר האבן א זייער נאנט-פארבינדעטע קאמיוניטי און מיר זארגן זיך איינער פאר דעם אנדערן."

"עס איז אווארעמע און פריינטליכע קאמיוניטי מיט פיינע געשעפט ארבעטער."

"אסאך אידן! מען קען אלעס באקומען דא אין געגנט / אלעס איז לאקאל און צוטריטליך."

"עס איז א פארזיכערטע געגנט."

"אלעס!! עס ווירבלט מיט לעבהאפט און חיות!"

"די גרויסע אויסוואהל פון צוטריטליכע געשעפטן און עפענונגס שעות."

## וואס מאכט די בארא פארק קאמערציאלע דיסטריקט אייגנארטיג?

"מענטשן קויפן איין מער אין פיזישע געשעפטן (אנשטאט אנליין)."

"די איינגעשטעלטע ביי לאקאלע ביזנעסער טוען שטיצן געגנט איינוואוינער דורכאויס די ימים טובים."

"צוטריט צו כשר'ע עסנווארג."

"גרויסע צאל קאסטומערס, סיי לאקאלע איינוואוינער און סיי מענטשן וואס קומען פון אנדערע פלעצער צו איינקויפן אין בארא פארק."

"פארנומען 24 שעה א טאג."

"די מעגליכקייט אנצוקומען איבעראל צופיס."

## וועלכע טוישונגען מוזן פאסירן צו ציען מער באזוכער/איינקויפער?

| | % ענטפערס פון פארקויפער | % ענטפערס פון קאנסומער |
|---|---|---|
| סאניטאציע | 52% | 23% |
| טראנספארטאציע פארבעסערונגען | 32% | 14% |
| זיכערהייט | 31% | 13% |
| גאס לעקטער | 27% | 12% |
| לענדסקעיפינג/פארשענערן | 26% | 11% |
| מער אפענע שטחים | 24% | 10% |
| אראפנעמען גראפיטי | 15% | 7% |
| צוזאמענארבעט פון פארקויפער | 10% | 4% |
| קאמיוניטי פארזאמלונגען | 7% | 3% |
| סטאר-פראנט פארבעסערונגען | 4% | 2% |
| עפעס אנדערש | 3% | 1% |

## וועלכע טוישונגען וואלט איר געוואלט זעהן צו פארבעסערן די קאמערציאלע דיסטריקט?

"בעסערע לעקטער און סיידוואקס אין א בעסערע צושטאנד."

"דעליווערים אין די נאכט שעות."

"פראבירט צו איבערזעהן די אויסערגעוויינליכע אינפראסטראקטשער פארענטפערונגען אז זיי זאלן נישט פארשליסן אונזערע גאסן אין די פארנומענסטע צייטן און שעות פונעם טאג."

"אסאך מער פובליק טראנספארטאציע אין אונזער געגנט."

"שילדן אין אונזער אידישע שפראך, ריינע גאסן, נאך און שנעלערע באסעס."

"עס איז נישט פאראן קיין שום צוגעשטעלטע בית הכסא פאסיליטעטן. דאס קען זיין זייער שווער ווען מען גייט איינקויפן מיט קליינע קינדער אדער בשעת מען איז טראגעדיג."

מקור: באזירט אויף 98 פארקויפער אויספרעגן און 230 קאנסומער אויספרעגן דורכגעפירט דורך Boro Park Jewish Community Council אין די הערבסט פון 2024 און אין די ווינטער פון 2025.

# בליק פונעם ביזנעס

## בארא פארק ריטעיל פארלאנג

איינוואוינער האבן אויסגעגעבן
**2.94 ביליאן דאלאר**
אויף ריטעיל סחורה און
סערוויסעס אין 2025

איינוואוינער וועלן אויסגעגעבן
**3.29 ביליאן דאלאר**
א יעדער יאר אויף ריטעיל סחורה און
סערוויסעס ביז 2030

## געלטער וואס קאנסומער האבן אויסגעגעבן אין 2025




געלטער וואס קאנסומער האבן אויסגעגעבן איז באזירט אויף הויזגעזונג און רעפרעזענטירט די סכום וואס וועט אויסגעגעבן יעדער יאר פאר א פראדוקט אדער סערוויס דורך אלע לאקאלע הויזגעזונדן אינערהאלב די האנדל געגנט.

מקור: Esri פארשאצונג פאר 2025 און 2023; געלטער וואס קאנסומער האבן אויסגעגעבן ווערט גענומען פון די 2022 און 2023 קאנסומער אויסגאבן אויספרעגן (Consumer Expenditure Surveys) דורך די ביוראו פון לעיבער סטאטיסטיקס (Bureau of Labor Statistics).

# בליק פונעם ביזנעס

## ביזנעס ציפערן

### טויש אין סך הכל ביזנעס סעילס, 2018-2025

| באראפארק | ברוקלין | NYC |
|---|---|---|
| 27% ▲ | 41% ▲ | 27% ▲ |

### באראפארק סך הכל ביזנעס סעילס




### טויש אין מידיען סעילס דורך ביזנעסער, 2018-2025

| באראפארק | ברוקלין | NYC |
|---|---|---|
| 77% ▲ | 62% ▲ | 56% ▲ |

### באראפארק מידיען סעילס לויט ביזנעסער




*יאר 2025 רעפלעקטירט דאטא געזאמלט ביז מערץ 2025. מקור: דיוויזיע פון שטייער פאליסי (Division of Tax Policy), NYC אפטיילונג פון פינאנץ (Department of Finance)

## וואס מיר האבן געהערט פון איינקויפער

### וועלכע נייע סארט ביזנעסער וואלט איר געוואלט זעהן אין באראפארק?

- ◄ אפארעבל קליידונג געשעפטן
- ◄ דשימס און פיטנעס צענטערן
- ◄ טשעין געשעפטן
- ◄ פארקינג לאטס אדער גאראזשעס
- ◄ קאווע געשעפטן, קאווע געשעפטן און בעקערייען
- ◄ קינדער געשעפטן און אקטיוויטעטן

### ווען קויפט איר געווענליך אייך אין באראפארק?

| | |
|---|---|
| אינמיטן וואך | 31% |
| אינמיטן וואך אין די נאכט שעות | 12% |
| סוף וואך | 15% |
| סוף וואך אין די נאכט שעות | 5% |
| נישט אין קיין באשטימטע צייט | 37% |



### וויאזוי פארט איר געווענליך צו באראפארק?

| | |
|---|---|
| צופוס | 52% |
| פערזענליכע קאר | 32% |
| באס | 9% |
| סובוויי | 3% |
| טעקסי/רייד שער | 2% |
| בייק | 0% |



### וואו אפט קויפט איר געווענליך אייך אין באראפארק?

| | |
|---|---|
| טעגליך | 20% |
| 2 ביז 4 מאל א וואך | 36% |
| איין מאל א וואך | 17% |
| צוויי מאל א חודש | 11% |
| איינמאל א חודש | 4% |
| 3 ביז 6 מאל א יאר | 3% |
| נישט רעגעלמעסיג | 8% |



מקור: באזירט אויף 230 קאנסומער אויספרעגן דורכגעפירט דורך די Boro Park Jewish Community Council אין די הערבסט פון 2024 און אין די ווינטער פון 2025.

# פיזישע ענווייראנמענט

## געשעפטן וואס שטייען ליידיג


דעליווערי טראקס וואס בלאקירן 13'טע עוועניו


מיסט וואס ווערט אומלעגאלערהייט געשטעלט אונטער די בריק פונעם באן


אנגעלייגטע סיידוואקס אויף 39'טע גאס


געשעפטן וואס שטייען ליידיג


אנגעלייגטע סיידוואקס אויף 13'טע עוועניו


מיסט וואס ווערט ארויסגעלייגט אומלעגאל




ליידיגע לאטס | געשעפטן וואס שטייען ליידיג | פארקס און אפענע שטחים

אן אנאליזירונג פון 899 סטאר-פראנטס לענגאויס 39'טע סטריט, 13'טע, 14'טע, 15'טע, 16'טע 18'טע און New Utrecht עוועניוס אנטפלעקט אז 53% פון סטאר-פראנטס זענען אין א שוואכע צושטאנד, 22% זענען אין א דורכשניטליכע צושטאנד, און 24% זענען אין א גוטע צושטאנד.

## אבזערוואציעס פון די גאסן

- מיסט איז אן אנהאלטנדע פראבלעם דורכאויס א גרויסע טייל פונעם געגנט, ספעציעל אין קארידארן מיט א הויכע קאנצענטרירונג פון עסנווארג ביזנעסער
- 39 סטריט ליידט פון הויכע ראטעס פון געשעפטן וואס שטייען ליידיג, פארנאכלעסיגטע סיידוואקס און שטארקע פארשפרייטע גראפיטי, וואס געבט צו צו א בילד פון פארנאכלעסיגונג
- פילע קארידארן האבן נישט גענוג פלאנצונגען און ביימער, און פילע לעכער וואו עס זענען אמאל געווען ביימער זענען אנגעפולט מיט דערנער און שמוץ
- אין די פארנומענסטע סעזאנען, ווערן די סיידוואקס שטארק אנגעלייגט צוליב דעליווערי ווייקלעס און סחורה וואס ווערט ארויסגעשטעלט אינדרויסן פון געשעפטן, באגרעניצנדיג דערמיט די באוועגונג פון פיס-גייער און שאפנדיג זיכערהייט זארגן
- New Utrecht Avenue, טיילווייז צוליב די באן וואס פארט העכער דעם, ליידט פון שוואכע לעקטער, נישט-אקטיווע סטאר-פראנטס, אומלעגאלע מיסט וואס ליגט ארום, און די וועזנהייט פון ליידיגע קעך, וואס געבט צו צו א געפיל פון אומפארזיכערטקייט

# דאטא אפענדיקס

## שטודיע געגנט גרעניצן

### ■ געשאצטע קאמערציאלע קארידארן

הויפט דאטא אויף בארא פארק סטאר-פראנט ביזנעסער פארגעשטעלט אויף בלאט 6-9 איז געקליבן געווארן פון די פאלגנדע קאמערציאלע קארידארן:

- 39 סטריט צווישן 12 און 15 עוועניוס
- 13 עוועניו צווישן New Utrecht עוועניו און 38 סטריט
- 14 עוועניו צווישן 39 און 46 סטריטס
- 15 עוועניו צווישן 45 סטריט און 38 עוועניו
- 16 עוועניו צווישן 43 און 56 סטריטס
- 18 עוועניו צווישן 61 סטריט און McDonald עוועניו
- New Utrecht עוועניו צווישן 61 סטריט און Ft. Hamilton Parkway

### בארא פארק קאנטעקסט געגנט

באפעלקערונג און ארבעטער דאטא אויף בלאט 12-13 רעפרעזענטירט די באפעלקערונג אינערהאלב די בארא פארק קאנטעקסט געגנט שטח.

### ••• האנדל געגנט

דאטא אויף געלט וואס קאנסומער געבן אויס אויף בלאט 9 איז פון די 0.75 מייל האנדל געגנט.




## באפעלקערונג דאטא פונעם געגנט

### סך הכל באפעלקערונג

| | |
|---|---|
| בארא פארק | 97,340 |
| ברוקלין | 2,646,306 |
| ניו יארק סיטי | 8,516,202 |

### באפעלקערונג אויסשפרייטונג (לויט סקווער מייל)

| | |
|---|---|
| בארא פארק | 57,605 |
| ברוקלין | 38,078 |
| ניו יארק סיטי | 28,165 |

### דורכשניטליכע מאס פון די הויזגעזינד

| | |
|---|---|
| בארא פארק | 4.2 |
| ברוקלין | 2.57 |
| ניו יארק סיטי | 2.51 |

### קאר-אייגנטומערשאפט

| | |
|---|---|
| בארא פארק | 48.2% |
| ברוקלין | 44.3% |
| ניו יארק סיטי | 45.1% |

### קאמיוטינג ציפערן




| | |
|---|---|
| **וואוינען** אין בארא פארק, וואוינען ערגעץ אנדערש | 45,169 |
| **וואוינען און ארבעטן** אין בארא פארק | 8,955 |
| **וואוינען** אין בארא פארק, ארבעטן ערגעץ אנדערש | 20,473 |

# באפעלקערונג דאטא פונעם געגנט

## ראסע/היסטאריע



| | באראַ פארק | ברוקלין | NYC |
|---|---|---|---|
| היספאניש אדער לאטינאו (פון סיי וועלכע ראסע) | 8% | 19% | 28% |
| בלויז ווייס | 80% | 36% | 31% |
| בלויז שווארץ אדער אפריקען אמעריקען | 1% | 28% | 21% |
| בלויז אזיאטיש | 6% | 12% | 15% |
| צוויי אדער מער ראסעס | 2% | 4% | 3% |
| בלויז עפעס אן אנדערע ראסע | 4% | 1% | 1% |
| בלויז אמעריקאנער אינדיען אדער אלאסקען נעיטיוו | 0% | 0% | 0% |
| נעיטיוו פון האוואי אדער אנדערע פאסיפישע אינזל | 0% | 0% | 0% |

## עדיוקעישענעל דערגרייכונגען



| | באראַ פארק | ברוקלין | NYC |
|---|---|---|---|
| 12טע קלאס אדער ווייניגער, אן קיין דיפלאם | 20% | 16% | 16% |
| הויך שולע גראדואירטע | 41% | 24% | 23% |
| אביסל קאלעדזש, אן קיין דעגרי | 13% | 12% | 13% |
| אסאסיעיט'ס דעגרי | 3% | 6% | 7% |
| בעטשעלאר'ס דעגרי | 15% | 25% | 24% |
| גרעדועיט אדער פראפעסיאנאלע דעגרי | 8% | 17% | 17% |

## יאראגאנג פון באפעלקערונג



| | באראַ פארק | ברוקלין | NYC |
|---|---|---|---|
| אונטער 5 יאר | 15% | 7% | 6% |
| 14–5 יאר | 26% | 12% | 11% |
| 24–15 יאר | 16% | 11% | 11% |
| 44–25 יאר | 20% | 32% | 31% |
| 64–45 יאר | 14% | 23% | 25% |
| 65+ יאר | 10% | 15% | 16% |

## מידיען עלטער

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 19.9 |
| ברוקלין | 36.3 |
| ניו יארק סיטי | 38 |

## באפעלקערונג וואס איז געבוירן אין אויסלאנד

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 17% |
| ברוקלין | 35% |
| ניו יארק סיטי | 37% |

# איינקונפט

## מידיען הויזגעזונד איינקונפט

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 55,390 דאלאר |
| ברוקלין | 78,548 דאלאר |
| ניו יארק סיטי | 79,713 דאלאר |

## באפעלקערונג נידריגער ווי די ארעמקייט שטאפל

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 32% |
| ברוקלין | 19% |
| ניו יארק סיטי | 17% |

# ארבעט

## באפעלקערונג אין די ארבעטסקראפט

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 56% |
| ברוקלין | 64% |
| ניו יארק סיטי | 63% |

## ארבעטסלאזיקייט*

| | |
|---|---|
| באראַ פארק | 7.7% |
| ברוקלין | 7.5% |
| ניו יארק סיטי | 7.7% |

*נעמט אכט: אין אפריל 2025, איז די ארבעטסלאזיגקייט ראטע געווען 4.6% פאר ברוקלין און 4.6% פאר ניו יארק סיטי (NYSDOL); עס איז נישט דא צו באקומען קיין אפדעיטעד געגנט-שטאפל דאטא פאר באראַ פארק.

# לאקאלע דשאבס און אונטערהאלטונג

## ארבעט פון לאקאלע איינוואוינער



| | |
|---|---|
| עדיוקעישענעל סערוויסעס, העלט קעיר, סאושאלע הילף | 36% |
| ריטעיל האנדל | 13% |
| פראפעסיאנאלע, סייענטיפישע און טעכנישע סערוויסעס | 11% |
| טראנספארטאציע, ווערהאוזינג, יוטיליטיס | 9% |
| אקאמאדאציע, עסנווארג סערוויסעס, קונסט, אונטערהאלטונג | 7% |
| פינאנץ, אינשורענס, ריעל עסטעיט | 7% |
| בוי-ארבעט | 6% |
| מעניופעקטשערינג | 4% |
| פובליק אדמיניסטריזירונג | 2% |
| אנדערע סערוויסעס | 5% |

## דשאבס וואס געפונען זיך אין באראַ פארק



| | |
|---|---|
| עדיוקעישענעל סערוויסעס, העלט קעיר, סאושאלע הילף | 61% |
| ריטעיל האנדל | 8% |
| פראפעסיאנאלע, סייענטיפישע און טעכנישע סערוויסעס | 11% |
| טראנספארטאציע, ווערהאוזינג, יוטיליטיס | 4% |
| אקאמאדאציע, עסנווארג סערוויסעס, קונסט, אונטערהאלטונג | 5% |
| פינאנץ, אינשורענס, ריעל עסטעיט | 2% |
| בוי-ארבעט | 4% |
| מעניופעקטשערינג | 2% |
| פובליק אדמיניסטריזירונג | 1% |
| אנדערע סערוויסעס | 4% |

מקור: אמעריקאנער צענזוס ביוראו (US Census Bureau), 2017-2021 אמעריקאנער קאמיוניטי אויספרעג (American Community Survey) 2020 OnTheMap אפליקאציע; NYS לעיבאר אפטיילונג, מאי 2023.

# דאטא ביילאגע:

## בארא פארק טראנספארטאציע

### דורכשניטליע אינמיטן-וואך סובוועי רייזערשאפט (2024)

| | | |
|---|---|---|
| Church Avenue | F G | 6,136 |
| New Utrecht עוועניו / 62 סטריט | N D | 3,625 |
| 18 עוועניו | N | 3,578 |
| Fort Hamilton Parkway | D | 2,929 |
| Ditmas עוועניו | F | 2,854 |
| 50 סטריט | D | 2,508 |
| 18 עוועניו | F | 2,450 |
| 55 סטריט | D | 1,386 |

### דורכשניטליכע טעגליכע וויהיקעל טראפיק (2024)

| | |
|---|---|
| 60'טע סטריט פון 14 ביז 17 עוועניו | 10,495 |
| 17 עוועניו פון 60 ביז 53 סטריט | 9,591 |
| 15 עוועניו פון 62 סטריט ביז Dahill Road | 9,383 |
| 18 עוועניו פון 62 ביז 55 סטריט | 8,672 |
| 16 עוועניו פון 57 סטריט ביז Dahill Road | 8,483 |
| 14 עוועניו פון 50 סטריט ביז Church עוועניו | 7,690 |
| 13 עוועניו פון 60 סטריט ביז 36 סטריט | 7,459 |
| New Utrecht עוועניו פון 60 סטריט ביז 9 עוועניו | 7,153 |
| 18 עוועניו פון 55 ביז 50 סטריט | 5,748 |
| 14 עוועניו פון 60 ביז 50 סטריט | 5,495 |
| 39 סטריט פון Dahill Road ביז 14 עוועניו | 5,463 |
| 39 סטריט פון 14 עוועניו ביז Ft. Hamilton Parkway | 4,420 |
| 12 עוועניו פון 61 ביז 37 סטריט | 3,949 |




▲ בארא פארק טראנספארטאציע

באס רוט | ניו יארק סיטי סובוועי | ביציקל ליניעס

### דורכשניטליכע טעגליכע באס רייזערשאפט (2024)

| | |
|---|---|
| B35 | 12,518 |
| B8 | 10,751 |
| B9 | 8,541 |
| B11 | 6,951 |
| B16 | 3,724 |
| B67 | 3,276 |
| B69 | 2,881 |

מקור: MTA 2024; NYS DOT, 2024 דורכשניטליכע טעגליכע טראפיק דאטא.

# לעצטיגע SBS געגנט אינוועסטירונגען

◀ *קאמערציאלע אויפלעבונג,* Avenue NYC גרענט פון 300,000 דאלאר איבער אפאר יאר געשאנקען פאר די Boro Park Jewish Community Council, 2024-2027.

# יעצטיגע און געפלאנטע דעוועלאפמענטס

## Brooklyn Yards

◀ א פארשידענע באנוץ דעוועלאפמענט פון 14 געביידעס, אריינגערעכנט 81 אפארדעבל האוזינג יוניטס, געבויעט איבער אן אקטיווע באן ליניע.

## 60th Street 1547

◀ א מעניופעקטשערינג צו פארשידענע ניצן דעוועלאפמענט וואס וועט פארמאגן פילע קאמערציאלע יוניטס און א קאמיוניטי פאסיליטעט.

# עקזיסטירנדע פלענער און שטודיעס

*Foodscape: בארא פארק*, ניו יארק סיטי עסנווארג פאליסי צענטער (Food Policy Center) ביי האנטער קאלעדש (Hunter College), 2017.

# מקורות

ESRI און קאנסומער אויסגאבן אויספרעגן (Consumer Expenditure Surveys), ביראו פון לעיבאר סטאטיסטיק (Bureau of Labor Statistics). 2025 ESRI בליק אויף ריטעיל פארלאנג (Retail Demand Outlook).

מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority), 2014. דורכשניטליכע אינמיטן-וואך סובוועי רייזערשאפט און דורכשניטליכע מאנאטליכע באס רייזעשאפט.

ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג. מאי 2025. ארבעסטלאזיגקייט ראטע אויסגעשטעלט אין א סדר לויט קאונטיס.

ניו יארק סיטי טראנספארטאציע אפטיילונג. 2024 יערליכע דורכשניטליכע טעגליכע טראפיק, נוצנדיג טראפיק דעיטער וויוער (Traffic Data Viewer).

ניו יארק סטעיט פינאנץ אפטיילונג, דיוויזיע פון שטייער פאליסי, נוצנדיג דאטא פון די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון שטייערן און פינאנץ. ביזנעס סעילס ווערן באריכטעט לויט די שטייער יאר, וואס לויפט פון מערץ די 1'טע ביז פעברואר די 28'טע. סעילס דאטא איז צאמגעשטעלט פון סעילס טעקס ריטורנס, וואס ווערן צאמגעשטעלט דורך שטייער צאלער ביז'ן ענדע יאר, נישט אריינרעכענענדיג ריטורנס מיט נעגאטיווע סעילס סכומים. פאר יעדער יאר, ווערט יעדער שטייער צאלער באריכטעט לויט די אדרעס וואס זיי האבן אנגעגעבן אויף זייער לעצטיגע ריטורן. גאר גרויסע ציפערן זענען געווארן ארויסגענומען פון די אנאליזירונג, און די העכסטע 5% פון שטייער צאלער פון מענהעטען און די העכסטע 1% פון שטייער צאלער לויט סעילס פון דרויסנדיגע באראס זענען אויך ארויסגענומען געווארן.

Live XYZ, NYC סטאר-פראנט דאטא, יוני 2025. דורכשניטליכע און מידעין ליידיגע געשעפטן ראטעס זענען באשטימט געווארן דורך אן SBS אנאליזירונג פון יעדער קאמערציאלע קארידאר אין ניו יארק סיטי.

אמעריקאנער צענזוס ביוראו. 2022. OnTheMap אפליקאציע. לאנגיטודינעל-ארבעטסגעבער הויזגעזונג דיינעמיקס (Longitudinal-Employer Household Dynamics) פראגראם.

אמעריקאנער צענזוס ביוראו. אמעריקאנער קאמיוניטי אויספרעג, 2019-2023 אמעריקאנער קאמיוניטי אויספרעג 5-יעריגע שאצונגען, נוצנדיג ניו יארק סיטי באפעלקערונג FactFinder.
בארא פארק צענזוס טרעקטס: 192, 214, 216, 218, 220, 222, 224, 226, 228, 230, 232, 234, 236, 238, 240, 242, 244, 464, 468, 470, 472, 474, 476, 478

בילדער קרעדיט: NYC SBS: Shaine Stuhlmuller.

## איבער SBS

די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון קליינע ביזנעס סערוויסעס (SBS) העלפט עפענען עקאנאמישע מעגליכקייטן און שאפן עקאנאמישע זיכערהייט פאר אלע ניו יארקער דורך פארבינדן ניו יארקער צו גוט באצאלטע דשאבס, שאפן שטערקערע ביזנעסער, און בויען א מער יושר׳דיגע עקאנאמיע אין געגנטער דורכאויס די פינעף בארא'ס.

## אנערקענונגען

מיר ווילן אנערקענען און דאנקען די פאלגנדע מענטשן און ארגאניזאציעס פאר זייערע ביישטייערונגען צו די אנטוויקלונג פון די בארא פארק קאמערציעלע דיסטריקט באדערפענישן אפשאצונג:

ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (ענטאוניאו רענאסאו)
ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד Simcha Felder
ברוקלין קאמיוניטי באורד 12
Boro Park Jewish Community Council
Borough Park Business Alliance
בארא פארק פארקויפער
בארא פארק איינקויפער און איינוואוינער

nyc.gov/avenuenyc